# קרישקעס

נייעס און באריכטן בחצרות האדמו"רים


### בואו שעריו בתודה חצרותיו בתהלה:

# צוריק צום לעבנס-שטייגער בחצרות הקודש

**באבוב:** א באזונדערע התרגשות האט ארומגענומען כלל בחורי באבוב, ווען היינט מאנטאג האט מען געהאט די זכיה אז כ"ק אדמו"ר מבאבוב שליט"א איז ערשינען בהדרו אין היכל ביהמ"ד הגדול צום ערשטן מאל זינט די עפעדעמיע און איבערגעבן 'דרשת פתיחת הזמן' פאר אלע בחורי באבוב לכבוד דעם נייעם זמן. די דרשה איז אפגעהאלטן געווארן 11:00 צופרי אין היכל ביהמ"ד הגדול. בחורי ישיבה גדולה זענען געווען אין ביהמ"ד און בחורי ישיבה קטנה אויבן אין עזרת נשים. דער רב שליט"א האט אויפגעפאדערט די בחורים זיך צו שטארקן און אנהייבן דעם זמן מיט א פרישקייט און זיך אפוואוינען פון די ביז-יעצטיגע נישט-געהעריגע לעבנס-שטייגער. -"מיר שטייען אין א צייט וואס איז גלייך אין א געוויסע זין, צו די צייטן נאכ'ן צווייטן וועלט-קריג ווען עס איז געווען א שטארקע רפיון אין רוחניות און אונזערע עלטערן האבן זיך אנגעגארטעלט מיט אן עזות דקדושה צוריק צוגיין צום רוחניות'דיגן לעבנס-שטייגער. מיר דארפן 'עוקר מן השורש' זיין די ביז-יעצטיגע קאראנא צייטן!"...

אויך האט דער רב שליט"א מעורר געווען קעגן די היינטיגע 'ראדיו' אויף די טעלעפאן ווי מ'הערט די נייעס און ארומגערעדט איבער די חשיבות פון 'גיין אין מקוה' וועלכע האט געהאט א שטארקע הזנחה אין די יעצטיגע צייט. צווישן אנדערע האט דער רב געזאגט אז עס האט אפגעקאסט פאר די הנהלת הישיבה איבער הונדערט טויזענט דאללער אהערצושטעלן די ספעציעלע טעלעפאן-כלי וועלכע איז באנוצט געווארן דורך די בחורים דורכאויס די עפעדעמיע, כדי זיך נישט צו דארפן באנוצן מיט א סעלפאן. אזוי אויך האט זיך דער רב באדאנקט פאר די געטרייע עסקנים פון די קהלה וועלכע האבן זיך איבערגעגעבן טעג און נעכט אפצוראטעווען יודישע נפשות בעת צר. דאס קומט אין די זעלבע צייט וואס דעם זונטאג האבן זיך געעפענט די טויערן פון 'מתיבתא עץ חיים' ווי עס זענען פלאצירט געווארן די הונדערטע בחורי הישיבות. אזוי אויך האבן זיך אויך געעפענט די טויערן פון ביהמ"ד הגדול ווי עס זענען היינט פארגעקומען צענדליגע מנינים אין די פילע חדרי התפלה, אויספאלגענדיג די סאושעל דיסטעסינג רעגולאציעס.

## להסיר לזות שפתים

הננו בזה להסיר לזות שפתים ולהודיע בשער בת רבים שה"guidelines" שיצאו מהנהלת אגודת ישראל באמריקה בדבר איך ומתי לפתוח את דלתי בתי הכנסת ובתי המדרש לתפלה באופן שאינו נוגד חוקי המדינה ובאופן שאין בהם סכנת התפשטות מחלת הקרונה נתקבלו במילואם על דעתינו ובהסכמת מועצת גדולי התורה. והשמועות כאילו הנהלת אגודת ישראל עשו דברים על דעת עצמם הם שקר מוחלט.

ומצאנו לנכון להדגיש שכל מעשיהם של ההנהלה בראשותו של הרב ר' חיים דוד צוויבל שליט"א הם לשם שמים ונעשים אחרי התייעצות עם גדולי תורה.

וע"ז באנו על החתום כ"ז אייר תש"פ.

| | | |
|---|---|---|
| שמואל קמנצקי | דוד פיינשטיין | אהרן פלדמן |

צוליב א רעש אין די פרעסע איבער די צוריקעפענונג פון ביהמ"ד הגדול קהל שערי ציון ד'באבוב און מתיבתא עץ חיים ד'באבוב, זענען די הנהלת הקהלה היינט געווען געצווינגען צוריק צו פארשליסן דאס ביהמ"ד עד יעבור זעם. אזוי אויך זענען די הנהלת הקהלה פון קהלת ויזשניץ-וומסב"ג געווען געצווינגען אפצושטופן די געפלאנטע 'מעמד התחדשות הביהמ"ד' אויף א צווייטע געלעגנהייט, צוליב דעם וואס עס איז ברייט באריכטעט געווארן אין די פרעסע. דאס קומט אין די זעלבע צייט וואס געוועזענער קאומא האט היינט געמאלדן אז אנגעהויבן פון דעם דאנערשטאג וועט זיין ערלויבט זיך

צוזאמקומען צום דאווענען און אנדערע רעליגיעזע צוועקן אין גרופעס פון צען מענטשן און ווייניגער.

**בעלזא:** זונטאג צעהן אזייגער ביינאכט אין ארץ ישראל איז כ"ק אדמו"ר מבעלזא שליט"א ערשינען אין היכל ביהמ"ד הגדול אין קרית בעלזא, וואו דער רב שליט"א האט געדאווענט תפילות מעריב און דערנאך ספירת העומר ברב עם הדרת מלך כנהוג. ביים אריינקומען זענען די הונדערטער חסידים ארויס אין א פייערדיגן ריקוד אויפן ניגון "שמחתי באומרים לי בית ה' נלך". פריער אין די נאכמיטאג שעות האט מען צוריק אריינגעפירט די ספרי תורות צום ארון קודש מיט נגונים און טענץ באגלייט מיט פאקלען.

**גור:** אין די צייט וואס מדינת ישראל האט דעם מיטוואך געגעבן די ערלויבעניש צוריק צו עפענען די בתי מדרשים, וועט כ"ק אדמו"ר מגור שליט"א דאווענען תפלת מנחה און מעריב אין היכל ביהמ"ד הגדול ווי עס וועלן קענען מיטדאווענען צוויי הונדערט יונגעלייט וואס שרייבן זיך איין פון פאראויס און דאס ביהמ"ד וועט ווערן איינגעטיילט אויף פיהר אפטיילונגען.

אנהייב וואך איז געמאלדן געווארן אז דער רבי שליט"א וועט דאווענען תפלות מנחה און מעריב אויפן גאס פארנט פון ביהמ"ד הגדול, נאך צעהן וואכן וואס דער רבי איז געווען איינגעשפארט. ביי יעדע תפלה וועלן זיך משתתף זיין פופציג יודן וואס וועלן זיך איינשרייבן פון פאראויס און נאכ'ן דאווענען וועלן זיי קענען אדורכגיין ביים רבי'ן. דער רבי וועט שטיין אויפן רעמפ נעבן 'בית טובי העיר' ביים מערב זייט פון ביהמ"ד. דערווייל זענען נאכנישט דא קיין פלענער איבער יו"ט שבועות בחצר הקודש גור.



**ראחמיסטריווקא:** פון קהלת ראחמיסטריווקא אין ב"פ איז געמאלדן געווארן אז דאס ביהמ"ד האט זיך צוריקגעעפענט סיי אינדערוואכן און סיי שבת. דאס קומט אין די זעלבע צייט וואס כ"ק אדמו"ר מראחמיסטריווקא שליט"א האט צוריק אנגעהויבן אננעמען סנדקאות און הנחת תפילין.

**דאראג:** גרויס התרגשות נעמט ארום חסידי דאראג ווען דעם שבת איז געווען דאס ערשטע שבת נאך גאנצע צוויי חדשים וואס כ"ק אדמו"ר מדאראג שליט"א האט אפגעראכטן די תפלות ועריכת השולחנות דורכאויס שבת אויפן דאך פון ביהמ"ד הגדול אין בני ברק. ביי יעדע תפלה אדער טיש האבן זיך באטייליגט הונדערט חסידים וואס זענען געווען אויסגעשפרייט אין דריי גרופעס אנגעטון מיט הענטשקעס און א מאסק. דער רבי שליט"א האט נישט געטיילט שריים און די חסידים האבן מיטגעברענגט פונדערהיים א כזית חלה און אויך וואסער פאר 'מים אחרונים'...

**סקווירא:** הונדערטע חסידי סקווירא האבן זיך פארזאמעלט יעצט מוצ"ש פארנט פון ביתו נאוה קודש פון כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א, וואו דער רבי האט געוואונטשן גוטע וואך פאר'ן ציבור. דאס קומט נאכדעם וואס פרייטאג איז ארויס אן אומאפציעלע מודעה אז מוצ"ש וועט דער רבי וואונטשן אויך פאר די חסידים וואס וואוינען אינדרויסן פון שיכון סקווירא. יעצט מוצ"ש זענען געקומען צו פארן קרוב צו טויזענט חסידים פון איבער גרעיטער ניו יורק און ניו דזשורסי און אריינגעכאפט זיך צו וואונטשן ביים רבי'ן וועלכע איז געשטאנען אויפן טעראסע פארנט פון ביתו נאוה קודש. אין אנדערע נייעס ווערט געמאלדן אז אין לויף פון די קומענדיגע צוויי וואכן וועט געגעבן ווערן די געלעגנהייט פאר כלל חסידי סקווירא זיך צו פראווענען ביים רבי'ן לכבוד שבועות, לויט א פונקטליכע סדר.



**האדמו"ר מסקווירא לייגט תפילין מיט הענטשקעס**

**סאטמאר:** אנגעהויבן פון היינטיגן זונטאג וועט כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א (מהר"א) צוריק אנהויבן אויפנעמען קבלת קהל א גאנצע וואך אין קרית יואל און דינסטאג אין וומסב"ג - ווי ביז היינט. אזוי אויך נעמט דער רבי אן סנדקאות און הנחות תפילין. אין אנדערע נייעס איז באשטעטיגט געווארן אז דער רבי שליט"א וועט פראווענען דעם יו"ט שבועות אין קרית יואל ברוב עם הדרת מלך אין ביהמ"ד הגדול.

**סאטמאר:** כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א (מהרי"י) איז דעם זונטאג צופרי ערשינען צו תפלת שחרית אין ביהמ"ד הגדול אויף ראדני סטריט, צום ערשטן מאל זינט די עפעדעמיע, וואו

עס האבן מיטגעדאווענט הונדערטע חברי הכולל ובחורי חמד. אין אנדערע נייעס וועט דער רבי שליט"א פארלערנען די סוגיא שיעורים פאר בחורי ישיבה גדולה חלק ד', אין בעפארברייטונג צום יו"ט שבועות. די שיעורים וועלן זיך אנהייבן היינטיגן מאנטאג אין די סקולענ'ע ביהמ"ד אין וומסב"ג ווי די בחורים זענען פלאצירט אין די יעצטיגע טעג.

**אתרא קדישא מירון:** היינט האבן זיך צוריק געעפענט די טויערן פון אתרא קדישא מירון ווי יודן קענען ווייטער קומען שופך שיח זיין ביים ציון התנא האלוקי. דורכאויס די היינטיגע וואך האבן צענדליגע אדמורי"ם ורבנים שליט"א אנגעקומען אויףתפלות אין אתרא קדישא מירון. כ"ק אדמו,ר מתודלות אהרן שליט,א האט אנגעצינדען די הדלקה דעם דארנעשטאג במדבר ביינאכט אויפן שטח פון 'תולדות ארהן' אין מירון, נאכדעם וואס דער רבי האט נישט געקענט אנצינדען די הדלקה אויף לג' בעומר.







**האדמו"ר מתולדות אהרן און בעל עמק התשובה אין מירון**

**צאנז:** היינטיגן מאנטאג האבן זיך געעפענט די טויערן פון אלע תלמידי תורה דחסידי צאנז איבער גאנץ ארץ ישראל לויט די רעגולאציעס פון משרד הבריאות, אזוי אויך האבן זיך נעכטן געעפענט די היכלי הישיבות. בהוראת הקודש פון כ"ק אדמו"ר מצאנז שליט"א וועלן די בחורים נישט אהיימגיין דעם חודש אב אויף בין הזמנים, נאר די סדרי הישיבה וועלן ווייטער אנגיין כסדרן ביז סוף חודש אלול.

**באיאן:** כ"ק אדמו"ר מבאיאן שליט"א איז דעם מיטוואך ערשינען צום ערשטן מאל אין היכל קלויז הגדול און נאך מעריב אויפגעטראטן מיט דברות קודש ארויסברענגענדיג זיין התרגשות אז מ'קען זיך שוין צוריקקערן צו די בתי מדרשים, דערביי האט דער רבי געהייסן זינגען די וויזניצ'ע ניגון 'נכספה וגם כלתה נפשי לחצרות ה'. אין אנדערע נייעס האט דער רבי שליט"א אויך געהייסן עפענען די באיאנע קלויז אין ב"פ וואו עס וועלן אויך ווערן פלאצירט די בחורים פון ישיבה גדולה וועלכע קענען דערוויל נישט צוריקפארן קיין ארה"ק.

**בריסק:** אין א היסטארישע שריט האט הגאון האדיר רבי אברהם יהושע סאלאווייציק שליט"א ראש ישיבת בריסק, צוריק אנגעהויבן פארצולערנען די טעגליכע שיעורים. אנדערש ווי ביז היינט ווערן די שיעורים אפגעהאלטן אין היכל ביהמ"ד הגדול און דורך א מייק. דאס ווערט באצייכענט אין בריסק אלס 'היסטאריש' נאכדעם וואס זינט נאך דעם צווייטן וועלט-קריג האבן אלע רבנים לבית בריסק געהאט א קפידה פארצולערנען די שיעורים דוקא אין שטוב פון הרה"ק דער בריסקער רב זצ"ל און נישט דורך א מייק.

**ויזניץ:** היינט האבן זיך אויך געעפענט די טויערן עטליכע כוללים דחסידי ויזניץ אין די שטעט איבער ארה"ק ווי עס איז ערלויבט לויט די משרד הבריאות. די חברי הכוללים פון אנדערע שטעט וועלכע ווערן נאך באצייכענט אלס 'ערים האדומים' אריינגערעכנט בני ברק און ירושלים, וועלן דערוויל ווייטער פארזעצן די לימודים אויפן טעלעפאן.

**ויזניץ-מאנסי:** צווישן די פילע בתי מדרשים וועלכע האבן געעפענט די טויערן איז אויך ביהמ"ד הגדול לבוש מרדכי וויזשניץ אין מאנסי. די מנינים אין די שטיבלעך ווערן איינגעטיילט לויט א סדר פון 15 יודן ביי יעדע מנין. אזוי אויך האט מען איינגעפירט א נייע תקנה אז מ'מוז אויסלעשן די סעלפאנ'ס ביים אריינקומען אין ביהמ"ד. דעם קומענדיגן זונטאג וועט אפגעהאלטן ווערן א ספעציעלע 'אסיפת חיזוק קדושת ביהמ"ד' דורכ'ן טעלפאן.

**עיר התורה והחסידות לעיקוואוד:** א לעצטע מינוטיגע אסיפת הרבנים אויפן טעלפאון איז פארגעקומען די פארגאנגענע ערב שבת קודש בהר בחקתי נאכמיטאג ווי עס האבען זיך באטייליגט די ראשי הישיבה פון לעיקוואוד און נאך פילע רבני העיר לעיקוואוד, צווישען אנדערע האט הגאון הגדול רבי **מלכיאל קאטלער** שליט"א נאכאמאל ווידערהוילט זיין שטעלונג וואס ער האט שוין משמיע געווען די לעצטערע וואכן, אז די בתי מדרשים און שטאט קענען זיך עפענען צום דאווענען - און איינקלאנג מיט די סאושעל דיסטעסינג רעגלאציע"ס.

דאס קומט נאכדעם וואס געוויסע עסקנים און שטאט האבען מפרסם געווען אז צוליב ליגאלע אנגעלעגנהייטן, זאל מען ווארטן אויפן גאווענער כדי צו קענען עפענען די בתי מדרשים. די אסיפת הרבנים וראשי הישיבה קומט נאכדעם וואס די פארגאנגענע ערב ל"ג בעומר איז פארגעקומען א אסיפת הרבנים פון די חסידישע רבנים און שטאט וועלכע האבען באשלאסען צו עפענען די בתי מדרשים און אנקלאנג מיט די רעגלאציע"ס אזוי עס איז שוין געטוהן געווארן און אלע היימישע שטעט. שטייענדיג אין א צייט נאכדעם וואס כלל ישראל איז פארטריבן געווארן פון די בתי מדרשים און צוביסלעך עפענען זיך צוריק די טויערן פון די בתי מדרשים, הערשט א גרויס התעוררות ביי יודן אלט-וועלטליך זיך מחזק זיין בענין קדושת ביהמ"ד.

# קלענערע חתונה זאלן אין ארה"ק

אין ווייטערדיגע אנטוויקלונגען איבער פרישע איינצוימונגען אין די חתונה תקנות דורך חתונה מאכן אין קלענערע זאלן, וועט היינט אפגעהאלטן ווערן די ערשטע 'אסיפת עסקנים' איבער די דאזיגע נושא ווי עס וועלן זיך צוזאמענעמען עסקנים פון איבער צוואנציד קהלות הקודש פון ארה"ק און מטכס עצה זיין די געניוע פלענער ווי אזוי אהערצושטעלן ביליגערע זאלן פאר'ן ציבור. אין אנדערע נייעס וועט דעם מיטוואך אפגעהאלטן ווערן אן אסיפה מיט די ערשטע דרייסיג מחותנים פון 'קהלת מרכז חסידי וויזניץ' וועלכע האבן צוגעשטימט חתונה צו די נייע פלאן פון חתונה מאכן אין 'היכל הטישן' וועלכע וועט אפקאסטן ווייניגער ווי צוויי טויזענט דאללער פאר יעדע צד.

**הועדה לסיוע בצמצום הוצאות שמחות לחסידי סטאלין קארלין בארץ הק'**

---

ב"ה

כו אייר מ"א למב"י תש"פ

## תקנות בפקודת קודש כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א (חלק א)

**מפורטות בזאת התקנות שתוקנו במצוות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א. יצויין שתקנות אלו הן שלב ראשון מתוך תוכנית עזרה כוללת לסיוע לאנ"ש בעת עריכת שמחותיהם, ובעז"ה בקרוב ממש יופעלו ויתוספו לכך תוכניות עזר, סיוע והוזלה עבור אנ"ש העורכים שמחותיהם עפ"י התקנות.**

**זמן חלות התקנות:** מיום פרסומם ועל כל דבר שעדיין לא הוזמן. אלו שהזמינו כבר ובאפשרותם לחזור בהם, או למכור את זכותם באולם לזולתם – שאינו מאנ"ש, כדאי ומומלץ הדבר.

**א. קידושא רבא**

כפי שנתקן מכבר, הכיבוד לקידוש גם בעזרת נשים יוכן ע"י גבאי ביהכ"נ כדלהלן:
אצל הגברים יוגש טורט וקוגל איטריות ומשקאות קלים. לנשים יערך בעזרת נשים בלבד, ובמידת הצורך באולם שבבנין ביהכ"נ, והכיבוד יכלול שני סוגי עוגות, קוגל איטריות או קוגל תפו"א ומשקאות קלים.
בעל השמחה ישתתף בעלויות הכיבוד. אין להכין או להביא כיבוד באופן פרטי.

**ב. בר מצוה**

במקום אירוע 'קבלת קהל' באולם, יחגגו מעתה את שמחת הבר מצוה בבית הכנסת בקידושא רבא בשבת שלאחר יום הבר מצוה, כשחתן הבר מצוה יושב בראש, עם שירת 'קשר תפילין' לאחר 'אסדר לסעודתא', הכיבוד יוכן כפי התקנות שנתקנו לעריכת קידושא רבא, הן אצל הגברים והן בעזרת הנשים. אין להביא משפחה מחוץ לעיר לשבת מלבד הסבים.
**לחילופין** במקום לערוך 'קידושא רבא' בשבת, ניתנת האפשרות (למשל למי שחפץ שמשפחתו המורחבת או אורחים שאינם ממתפללי בית מדרשו יוכלו להשתתף באירוע), לערוך אירוע 'קבלת קהל' עם התפריט של 'קידושא רבא' בליל הבר מצוה לאחר מעריב, כל אחד בבית הכנסת בו הוא מתפלל. הכיבוד יוזמן ע"י הגבאים וכפי התקנות הנ"ל שנתקנו לקידושא רבא (ולמי שחפץ בכך גם בעזרת הנשים). בעל השמחה ישלם עבור כל ההוצאות. **אפשרות נוספת,** במקום האירוע בביהכ"נ בליל הבר מצוה, ניתן לערוך את אותו אירוע עם אותו כיבוד בבית הפרטי.

**ג. אירוסין עד החתונה**

**שכר שדכנות:** שכר שדכנות לא יעלה על ארבעת אלפים ש"ח לכל צד.
**מסיבת אירוסין:** תערך שמחת 'ווארט' בבית (או בבית אחד מהמשפחה), ויוזמנו בני המשפחה הקרובה וידידים קרובים מאד. המוזמנים יכובדו בכיבוד קל ללא הזמנת קייטרינג, ובתפריט דומה לקידושא רבא. אלו שסגרו מאוחר בלילה או באמצע היום יכולים לערוך את אירוע ה'ווארט' באותה מתכונת בימים שלאחר מכן בבית פרטי.
**הזמנות:** מומלץ להימנע מהדפסת הזמנות שהיא טירחה והוצאה מיותרת, ולהסתפק בהזמנה בבתי הכנסת, בהודעות, במייל, ובקוים טלפוניים.

ביים מעמד האט אויפגעטראטן הגאון ר' חיים שמערלער שליט"א ראש ישיבת חיי תורה. צווישן די צענדליגע עסקני הקהלות וועלכע האבן זיך באטייליגט ביים כינוס זענען געווען: גור, בעלזא, צאנז, וויזניץ, באיאן, קרלין סטולין, סלונים, דושינסקי, תולדות אהרן, רחמסטריווקע, ערלוי, נדבורנא, סערט וויזניץ, ביאלה ב"ב, סדיגורא, באבוב, לעלוב, וויזניץ מרכז, ביאלה, אלכסנדר, מודזיץ, ברסלב - מאירת עינים, פינסק קרלין, סטמער, לוצק, טשכנוב, סאסוב, תולדות אברהם יצחק, זוהיל, שומרי אמונים, מחנובקה בעלזא, סלאנים, טשרנאובל, קרעטשניף און נאך.

אין די זעלבע צייט איז געפלאנט אן 'אסיפת עסקני הקהלות' אויף דעם קומענדיגן מאנטאג אין וומסב"ג, ווי עס וועלן זיך צוזאמענעמען צענדליגע עסקנים פון די גרעסערע קהלות איבער ניו יורק און ניו דזורסי און מטכס עצה זיין ווי אזוי אדורכצופירן די פרישע געדאנקען אויך אין ניו יורק.

אין די זעלבע צייט איז איז געמאלדן געווארן פון חצר הקודש קארלין-סטאלין אז בפקודת הקודש פון כ"ק אדמו"ר מקארלין-סטאלין שליט"א זענען אויסגעארבעט געווארן פארשידענע נייע תקנות לתועלת הציבור.

די פרישע תקנות הייבט זיך אן מיט די נייע 'בר מצוה' תקנה, אז פון היינט און ווייטער וועט מען מבטל זיין דאס בר מצוה מאכן אין זאלן, נאר ביום הבר מצוה וועט אפגעראכטן ווערן די סעודה אין שטוב מיט בלויז צען מענטשן און די שבת נאכ'ן בר מצוה וועט זיין א קידוש אין ביהמ"ד ווי דער ציבור וועט קענען וואונטשן מזל טוב. פארשטייט זיך אז די קידוש וועט זיין אויסגעהאלטן לויט די 'קידוש תקנות' וואס ווערט אהערגעשטעלט דורך די גבאים פון די בתי מדרשים. פאר די וואס ס'קומט זיי אן שווער צו מאכן א קידוש שבת צופרי וועלן פראווענען א 'מסיבת לחיים' נאך מעריב בליל הבר מצוה ווי דער ציבור וועט קענען קומען וואונשטן מזל טוב אין ביהמ"ד.

צווישן די נייע תקנות ווערט אריינגערעכנט מבטל צו זיין דאס ארויסשיקן חתונה-איינלאדענונג בריוון, און מ'וועט נאר שיקן דורך אימעיל. די חתונה וועט פארקומען אין א קלענערע זאל וואס וועט בלויז קאסטן טויזענט דאללער א צד. עס וועלן זיך בלויז באטייליגן די נאנטע בני המשפחה און עס וועט צוגעשטעלט ווערן לייכטע איבערבייס אין פלעסטיק געצייג. ביי די מצוה טאנץ באנוצט מען זיך נישט מיט א גראמער און די שבע ברכות'ן נאר אין א שטוב.

## היסארישע נסיעה קיין מעזיבוזש

עס איז ענדגילטיג באשטעטיגט געווארן אז אין א היסטארישע שריט ווען כ"ק אדמו"ר מוויזניץ-מונטריאל שליט"א אונטערנעמען א 'מסע קודש' קיין מעזיבוזש, אוקריינא, ווי דער רבי וועט פראווענען דעם קומענדיגן יו"ט שבועות הבעלל"ט סמוך ונראה צום ציון הק' פון אור שבעת הימים דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע. עס וועלן מיטפארן מיט'ן רבי'ן א געקליבענע צאל פון בערך צוואנציג חסידים וועלכע האבן ערהאלטן די נויטיגע ערלויבענישן אריינצופארן קיין אוקריינא וועלכע איז געגנצליך פארשלאסן אין די יעצטיגע צייטן, און וועלן זיין די איינציגסטע קבוצה אויף דעם יו"ט שבועות אין מעזיבוזש.

# אלוועלטליכע התעוררות איבער חיזוק בקדושת ביהמ״ד

אלע דריי 'מועצת גדולי התורה' אין ארה״ק האבן די וואך ארויסגעגעבן א פאראייניגטע 'קול קורא' מיט א רוף צו אחינו בני ישראל זיך מחזק צו זיין בקדושת ביהמ״ד און אויסלעשן די סעלפאונ'ס איידער'ן אריינקומען אין ביהמ״ד. אויך הגאון האדיר רבי חיים קנייבסקי שליט״א האט ארויסגעגעבן א 'קול קורא' וואו דע רגאון שליט״א טוט אויפפאדערן אלע רבנים און גבאי ביהמ״ד פון איבער די וועלט אז מ'זאל איינפירן א 'תקנה קבועה' אז מ'זאל אויסלעשן די סעלפאונ'ס איידער מ'קומט אריין אין ביהמ״ד. פאלגענד איז די פולע בריוו: אל כבוד הרבנים הגאונים וגבאי בתי כנסיות שבכל אתר ואתר ה' עליהם יחיו.

הנה בעוונותינו הרבים כבר כמה שבועות שנתגרשנו מבתי כנסיות ובתי מדרשות כעבד שבא למזוג כוס לרבו ושופך לו קיתון על פניו, ונראה שזהו אות משמים בעוון שמזלזלים בקדושת ביהמ״ד בזה שבשעה שמתפללים הפלפונים פתוחים ומדברים בהם והוי זולזול גדול בתפלה ובקדושת ביהכ״נ שלא שערום אבותינו מעולם והוא נגד ההלכה בשו״ע או״ח קנב' ובזוה״ק ויקהל דף רה איתא דברים נוראים בזה.

ולכן יש לתקן תקנה קבועה שאיסור חמור להיכנס לביהכ״נ להתפלל עם פלפון שאינו כבוי וכל זמן התפלה הוא מנותק. ועל הגבאים מוטל האחריות להזהר ולהזהיר בזה חוק ולא יעבור. גם מן הראוי כשנזה במהרה לחזור לביהכ״נ שהרבנים יחזקו ויעוררו ויאמרו דברי חיזוק בגודל האיסור החמור בזולזול קדושת בתי כנסיות ובתי מדרשות. ובזכות שנקבל על עצמינו דברים אלו, יחזירנו המקום במהרה לעבודתו בבתי כנסיות ובתי מדרשות ברוב עם ויקבל תפלתינו לרחמים ולרצון. דערביי האט אויך אונטערגעחתמ'ט הגאון הגדול רבי גרשון אדלשטיין שליט״א וועלכע שרייבט צו בכתב ידו: ״כמו כן יש להיזהר מלדבר דברים בטלים בבית הכנסת.

אין אנדערע נייעס האט כ״ק **אדמו״ר מוויזניץ מאנסי** שליט״א נעכטן דינסטאג צוזאמגערופן אן 'אסיפת עסקינם' בביתו נאוה קודש וואו עס זענען ארומגעשמועסט געווארן פארשידענע פלענער איבער חיזוק קדושת ביהמ״ד. צווישן אנדערע האט דער רבי שליט״א געפאדערט די מנינים זאלן פון היינט און ווייטער פארקומען נאר אין די גרוסע בתי מדרשים אויבן (נישט ווי ביז יעצט ווען עס זענען פארגעקומען מנינים אויך אין די קליינע שטיבלאך אונטן פון בית המדרש). די מנינים זאלן פארקומען נאר יעדע האלבע שעה (נישט ווי ביז יעצט ווען מען האט געקענט ״כאפן א מנין״) און די לעצטע מנין שחרית וועט זיין 10:30 כדי שמו״ע זאל זיין בזמן (וואס על פי די הוראה פונעם רבי זצ״ל רעכענט מען שעות שוות בנוגע סוף זמן תפלה וואס קומט אויס יעצט עלף אזייגער). אזוי אויך וועט די מקוה און די קאווע וואס ווערט צוגעשטעלט פאר די ציבור המתפללים גענצליך פארשלאסן ווערן ווי נאר די זייגער קלאפט עלף, ווי אויך איז צוריקגעשטעלט געווארן די מניני מנחה מעריב צו די זמנים כהוגן.

כ״ק אדמו״ר מאלכסנד שליט״א האט ארויסגעגעבן א ספעציעלע 'מכתב קודש' פאר די חסידים, וואו דער רבי שליט״א טוט מעורר זיין איבער קדושת ביהמ״ד און טוט אויפפאדערן אויסצולעשן די סעלפאונ'ס איידער מ'קומט אריין אין ביהמ״ד. דער רבי שרייבט: ״שמועה טובה תדשן עצם, שמחתי באומרים לי בית ה' נלך, שבעזרת השי״ת נזכה שוב להיקהל ולעמוד על נפשנו כמקדמת דנא, לעבוד את ה' בעבודת התפילה בבתי כנסיות ובתי מדרשות ובבתי החסידים תמידים כסדרם, כאיש אחד בלב אחד״, ולאחר מכן מרחיב בענייני קדושת בית הכנסת וחובת הכובד הראש בעת התפילה, ומורה ״לזאת יקבל כל אחד על עצמו בקבלה גמורה, שלא יכניס עצמו לכתחילה בנסיון זה, כי בכל רגע עלול זה להפריעו מלכוון לבו לשמים, אלא קודם התחלת התפילה יכבה אותו לגמרי, כדי שיוכל לעמוד להתפלל לפני קונו כראוי וכיאות״.

אין אנדערע נייעס, האט דער משב״ק הרב קלמן ראטענבערג שליט״א איבערגעגעבן הוראת הקודש אין בעפארברייטונג צום יו״ט שבועות בחצר הקודש. אלע יארן איז איינגעפירט אין אלכסנדר אז די חסידים וואס וואוינען אין אנדערע שטעט קומען צו פארן צום רבי'ן אויף שבועות און די 'נסיעות' האט פארנומען א גאר חשובע מקום אין אלכסנדר, אבער היי-יאהר צוליב די מצב האט דער רבי שליט״א געהייסן אז יעדער זאל דאווענען אין די ביהמ״ד פון זיין שטאט און נישט קומען צו פארן קיין בני ברק.


הרב ש.י. חיים קניבסקי
שיכון חזון איש, בני ברק

## דאקטער בענדער אין שיכון סקווירא

דער הויכראנגיגע דאקטער 'דזעף בענדער' פון מאונט-סיני שפיטאהל אין מאנהעטען איז נעכטן געקומען אויף א באזוך צו כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א, וואו דער דאקטער האט זיך באדאנקט פאר'ן רבי'ן אויף די פילע לייסטונגען לטובת חולי ישראל וואס ווערן אנגעפירט דורך 'רפואה העלט-סענטער' פון שיכון סקווירא.

דאקטער בענדער - וועלכע איז געשטאנען אין שפיץ פון א גרופע עסקנים וואס האבן געארבעט איינצופירן די 'אנטיבאדי פלאזמא טרענזפיושין' אויף די פאציענטן פון די מאונט-סיני שפיטאל - האט זיך באדאנקט פאר'ן רבי'ן אויף די 'אנטיבאדי בלוט-דרייוו' וואס איז אדורכגעפירט געווארן דורך 'רפואה העלט-סענטער' און האט באוויזן אפצוראטעווען הונדערטע פאציענטן אין די מאונט-סיני שפיטאל וואס זענען באטראפן געווארן פון די ווירוס.

# קריאת קודש מאת מועצות גדולי התורה

ערב שבת קודש פ' במדבר מ"ג למ"טמונים תש"פ

### ומקדשי תיראו

בעוונותינו הרבים זה למעלה מב' חודשים שנגזר עלינו לסגור דלתי בתי כנסיות ובתי מדרשות ולגלות להתפלל וללמוד באופן עראי. ועתה, ברחמיו המרובים של הבורא ית' אנו זוכים לשוב להתפלל וללמוד בבית מקדש מעט. עדיין לא בשלמות ותחת הגבלות, אבל ב"ה מתחילים לשוב. ועל כן, מתוך הודיה להשי"ת, חובתנו לעת הזאת לתקן בדקי העבר, לחקור דרכינו ולפשפש במעשינו על מה עשה ה' זאת לנו, כאמרם ז"ל (ברכות ה).

והנה צורך גדול לתקן ולחזק גדרי שמירת קדושת בית הכנסת, ובראש ובראשונה לעורר ולהתעורר על חובת הזהירות מלדבר דברים בטלים בבית הכנסת כדאיתא בשו"ע או"ח קנ"א, דיני קדושת בית הכנסת. ומי יודע אם לא בשלנו הסער הגדול הזה.

זאת ועוד, לדאבון כל לב נמצאת רעה חולה שיש מי שמחזיק בזמן התפילה והלימוד מכשיר פלאפון דלוק, אשר גורם בזה להוציא עצמו מתוך בית הכנסת בעת עמדו לפני המלך, ועוונו גדול מנשוא רח"ל כדאיתא בזוה"ק.

ועל כן, קוראים אנו אל אחב"י בקהילות הקודש די בכל אתר ואתר, בעת שחוזרים אנו להתפלל וללמוד בבתי כנסיות, ובבתי מדרשות, לחזק הגדר שלא לדבר דיבורים בטלים בבית הכנסת ובבית המדרש ולתקן תקנה קבועה שאיסור חמור הוא להחזיק פלאפון שאינו כבוי בכל זמן התפילה והלימוד, ורבני הקהילות והגבאים בכל מקום יזהירו את הציבור על כך, (ומי שבידם, יראו לתקן מקום מיוחד להניח הפלאפונים קודם התפילה).

ובזכות הזהירות בבתי מקדש מעט ירחם עלינו הבורא ית', שנזכה למי שברך, שתיקן בעל התוי"ט שכל מי ששומר פיו ולשונו בעת התפילה וקריאת התורה הקב"ה ישמרהו מכל צרה וצוקה ומכל נגע ומחלה ויחולו עליו כל הברכות הכתובות בתורה ובנביאים ובכתובים ויזכה לראות בנים חיים וקיימים לתורה ולחופה ומעשים טובים ויעבוד את ה' אלוקינו תמיד באמת ובתמים ונאמר אמן. ונזכה במהרה לישועה וגאולה שלימה בבניין בית תפארתנו אכי"ר.

**מועצת גדולי התורה**

**דגל התורה** **אגודת ישראל**

**מועצת חכמי התורה**

## דברי הדרכה פאר בחורי ישיבה קטנה

דארנעשטאג נאכט האט כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א אויפגעטראטן מיט דברי הדרכה פאר די עלטערן פון בחורי ישיבת קטנות אויפן טעלעפאן. צווישן אנדערע האט דער רבי אויפגעפאדערט אז קיין שום בחור טאר זיך נישט געפונען מיט א סעלפאן בשום פנים ואופן סיי ביי זיך אין טאש און אויך אינדערהיים טאר א בחור נישט האבן א פריוואטע נומער ווי מ'קען אים רופן. דער רבי שליט"א האט ארויסגעברענגט אז אין די לעצטערע וואכן איז געווען א מצב פון 'ההכרח לא יגונה' ווען ס'איז נישט געווען קיין אנדערע ברירה און עס איז נאר געווען מעגליך צו לערנען דורכ'ן טעלעפאן. אבער היינט ווען די ישיבות האבן זיך שוין צוריק געעפענטאין בתי מדרשים איז אויסדרוקליך שטרענג פארבאטן דאס באנוץ פון א סעלפאן ביי בחורים.

אזוי אויך האט דער רבי שליט"א געזאגט אז אזוי אלע סניפים פון די ישיבה קטנות זענען אויסגעשפרייט אין די יעצטיגע טעג לענגאויס אלע בתי מדרשים פון די קהלה אין ווומסב"ג, טאר זיך נישט שטעלן קיין שום מנין אין די בתי מדרשים שפעטער ווי צעהן אזייגער, כדי נישט צוצושטערן די סדרי הלימודים וואס הייבן זיך אן עלף אזייגער. דער רבי שליט"א האט קלארגעשטעלט אז עס וועט שטרענג אינפארסירט ווערן און ס'איז מעגליך אז די תקנה וועט אויך אנגעהאלטן ווערן נאכדעם וואס די קריזיס וועט אדורכגיין כדי אנצוהאלטן די זמני התפלה כראוי.

## דורכברוך: נייע ויזניצ'ע ישיב"ג אין ניו יורק

מרן אדמו"ר מוויזניץ שליט"א האט זיך היינט טעלעפאנישט פארבינדען מיט די עסקני הקהלה אין ניו יורק און געפאדערט אויפצועפענען א 'ישיבה גדולה' פאר בחורי ויזניץ פון איבער גרעיטער ניו יורק און ניו דזורסי. ביז היינט האט די 'ויזניצ'ע קהלה אין ניו יורק בלויז פארמאגט א 'ישיבה קטנה' און ווען די בחורים זענען עלטער געווארן זענען אלע געפארן קיין בני ברק זיך משלים זיין די בחורישע יארן. צוליב די יעצטיגע מצב ווען די בחורים קענען נישט צוריקפארן קיין ארה"ק, האט דער וויזניצ'ע רבי שליט"א אנגענומען די געדאנק, אויפצועפענען אן אייגענע ישיבה גדולה עד יעבור זעם.

## בואו שעריו בתודה

גרויס פרייד נעמט ארום דאס יהדות החרדית אין ניו יורק ווען היינט פרייטאג האט דער הויכגעשעצטער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן פרעזידענט טראמפ יר"ה געמאלדן אין א שארפע מעסעדזש אז בתי מדרשים זאלן זיך זאפארט צוריק עפענען שוין היינט פרייטאג. דער פרעזידענט האט אפעלירט צו גאווערנער'ס צו ערלויבן די עפענונג פון צענטראלע סערוויסעס געביידעס, זאגענדיג אז עס איז אן אומרעכט אז צענטראלע געשעפטן זענען ערלויבט צו זיין אפן אבער בתי מדרשים נישט. אויב איינער האט א פראגע קען מען אים רופן אבער זיי וועלן נישט זיין סוקסעספול מיט דעם רוף.

דער פרעזידענט האט ערקלערט אז בתי מדרשים זענען פלעצער וואס האלטן צוזאמען די געמיינדע און איז א צענטראלע טייל אין לעבן פון די אמעריקאנע באפעלקערונג. ער האט אויסגעפירט אז ער קען גוט די קהלה פירער און ער ווייסט אז זיי זארגען זיך פאר די וואויל-זיין פון זייערע קהלות און וועלן זיכער מאכן אז די קהלה-מיטגלידער זענען פארזיכערט בשעת'ן דאווענען.

עקספערטן זאגן אז פונקט ווי דער שליח פון פרעזידענט האט געקענט פארמאכן די בתי מדרשים, קען עס דער פרעזידענט אליינ'ס אויך צוריק עפענען.